בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת **בלק** תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 440

## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### צורייסן די גזר דין אין זכות פון ענטפערן אמן

"נְאֻם שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁ-דַּי יֶחֱזֶה" (כד ד)

**אדמו"ר רבי יעקב משה פון קאמארנא** זאגט:

"נאם" - איז אותיות 'אמן'; דער פסוק איז מרמז אז אויף דער מענטש ליגט א חיוב ענטפערן אמן יעדע מאל ווען ער איז "שֹׁמֵעַ אִמְרֵי אֵ-ל", ד.מ. לויב פון ה' וואס ווערט געזאגט אין א ברכה [די ווארט 'אמרי' קען אויך פארטייטש ווערן אין א באדייט פון זאגן דברי שבח, זעה רש"י תהלים צד ד]. און דער פסוק רעכנט אויס זיין שכר: "מחזה ש-די יחזה", ער וועט זוכה זיין צו זען ווי זיין גזר דין ווערט צוריסן (ראה שבת קיט ב; תיקו"ז מ א), וואס דער נאמען 'ש-די' איז אויף דעם מרמז, און אזוי ווי חז"ל זאגן (תנחומא מקץ י) אז יעקב "האט מתפלל געווען מיטן נאמען 'א-ל שד-י' און האט געזאגט: מי שאמר [ביי בריאת העולם] לשמים וארץ די, יאמר ליסורי די".

'שלשלת קאמארנא' עמ' שעד

### די שול פון 'יעקב אבינו'

"מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל" (כד ה)

דער 'תרגום ירושלמי' טייטש אויס דער פסוק אזוי: "מַה טָּבִין הִינוּן מַשְׁכְּנִין דְּצַלִּי בְהוֹן יַעֲקֹב אֲבוּהוֹן", ד.מ.: ווי גוט זענען די געצעלטן וואס זייער פאטער יעקב האט אין זיי געדאווענט. פון דעם וואס בלעם האט פונקט דערמאנט די שול וואס יעקב אבינו האט אין דעם געדאווענט, לערנט ארויס **רבי ישכר דוב באב"ד** רב פון בוסקא דער מקור אויף דער מנהג ישראל צו דאווענען אין א פלאץ וואו דארט האט אמאל געדאווענט א אדם גדול.

אבער, **רבי משה שמואל שפירא** ראש ישיבת באר יעקב האט זיך געוואונדערט אויף דעם: בלעם קומט דאך משבח זיין די 'אוהל' און 'משכן' פון די דור המדבר, איז פארוואס רופט זיי אן דער פסוק אויפן נאמען פון יעקב וואס האט געלעבט הונדערטער יאר פריער?

ערקלערט ער אזוי: יעקב אבינו האט אוועקגעשטעלט אויף די קומענדיגע דורות די באזונדערע חשיבות וואס א 'מקום תפילה' האט, אזוי ווי מיר טרעפן (חולין צא ב) אז נאכן אנקומען אין חרן און זיך דערמאנט: "אפשר עברתי על מקום שהתפללו אבותי, ואני לא התפללתי?!", האט ער זיך געאיילט צוריקגיין כדי צו דאווענען אין דער ארט וואס זיינע אבות האבן דארט געדאווענט - אין 'בית א-ל'. קומט אויס אז די גאנצע סגולה פון די שולן אויף דורי דורות, זייענדיג א 'מקום תפילה', איז נאר מכח די הנהגה פון יעקב וואס האט אוועקגעשטעלט די סגולה, און וועגן דעם ווערן זיי שטענדיג אנגערופן אויף זיין נאמען.

'אוצר י"ד החיים' כללים ערך בית הכנסת; 'זהב משבא'

### פיר ברכות ביים מקבל פנים זיין מלך המשיח

"אֶרְאֶנּוּ וְלֹא עַתָּה אֲשׁוּרֶנּוּ וְלֹא קָרוֹב דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל וּמָחַץ פַּאֲתֵי מוֹאָב וְקַרְקַר כָּל בְּנֵי שֵׁת" (כד יז)

דער **רמב"ן** ערקלערט אז אין דער פסוק האט בלעם געזאגט נביאות אויף די גאולה פון דאס אידישע פאלק דורך מלך המשיח במהרה בימינו. **רבי שמואל הומינער** שרייבט אז די וואס וועלן זוכה זיין צו דערלעבן ביאת המשיח וועלן זיין מחויב צו זאגן פיר ברכות:

א. "חכם הרזים" - אויף די צענדליגער טויזנטער אידן וואס וועלן קומען מקבל פנים זיין מלך המשיח, אזוי ווי די חכמים זאגן (ברכות נח א ע"פ רש"י) אז די ברכה ווערט געזאגט אויפן זען א ציבור פון זעקס הונדערט טויזנעט אידן.

ב. "שחלק מחכמתו ליראיו" - אזוי ווי חכמים האבן מתקן געווען (שם) צו זאגן אויפן זען די חכמי התורה.

ג. "שחלק מכבודו ליראיו" - אזוי ווי די חכמים האבן מתקן געווען (שם) צו זאגן אויפן זען די מלכי ישראל.

ד. "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" - אזוי ווי דער דין איז ווען איינער טרעפט זיין באליבטער פריינד נאכן אים נישט זען דרייסיג טעג (שם נח ב ע"פ תוספות ד"ה הרואה), און אוודאי אז מען וועט דארפן זאגן די ברכה ביים זען מלך המשיח וואס מיר ווארטן שוין אזויפיל דורי דורות אים צו זען.

שו"ת 'מנחת שלמה' ח"א סי' צא אות כז

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### קומען פרי צו ענטפערן אמן

פון אייביג אן, ווען איך האב געלערנט אין די פרשה די שבח פון דאס אידישע פאלק (במדבר כג, כד): "הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא", פלעג איך זיך מתבונן זיין אין די ווערטער פון רש"י אויפן ארט: "כשהן עומדים משנתם שחרית, הן מתגברים כלביא וכארי לחטוף את המצוות...". וואס איז דער ענין פון "לחטוף", איז דען נישט ענדערשט זיך צוגרייטן ווי עס דארף צו זיין מיט ישוב הדעת און מקיים זיין די מצוות גלאסן?

מיטן אויבערשטנ'ס הילף האב איך געטראפן אין ספר 'תולדות יעקב' פון איינער פון די קדמונים (רבי יעקב די אלבה פון די חכמי איטאליע פאר ארום פיר הונדערט יאר) וואס איז אונז מגלה אז אין די סופי תיבות: "הן עם כלביא", איז מרומז די הייליגע ווארט 'אמן', וואס אין דעם זכות האט בלעם נישט געקענט שעלטן די אידן!

אויב אזוי איז זייער פארשטענדליך די סיבה פון די זריזות. ווייל יעדער וואס ווייסט די ווערד פון 'אמן', איז נישט מסוגל דערלייגן אפילו איין 'אמן'; דעריבער איז ער זיך מתגבר כארי אויפשטיין פרי און קומט באלד אין שול, נאך פארן דאווענען, אין דער צייט וואס אסאך ברכות 'וואלגערן' זיך אין שול פון די מיילער פון די מתפללים, כדי קענען ארייננכאפן נאך און נאך אמן'ס...

און אזוי איז טאקע פאסיג און ריכטיג צו טון, זיך איילן יעדן אינדערפרי קומען אין שול, און לויפן פון איין מתפלל צום צווייטן, צוהערן צו זיינע ברכות און ענטפערן 'אמן'. וואויל איז דער וואס איז זוכה ארייננכאפן אסאך בריליאנטן פון 'אמן', און רייך מאכן די פעקל פון זיינע מצוות.

די דורשי רשומות האבן צו דעם צוגעלייגט און געברענגט א ראי' פון נאך א פסוק אויף דער מנהג זיך צו איילן און קומען פרי אין שול כדי זוכה זיין ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר: די ראשי תיבות פון דער פסוק (שה"ש א ד): "משכני אחריך נרוצה" איז 'אמן', און די צווייטע אותיות אין דער פסוק איז 'שחר'. פון דא זען מיר אז מען דארף לויפן כדי צו קענען ארייננכאפן אמן'ס אויף ברכות השחר.

מיר וועלן איינ'חזר'ן און געדענקען אז גאנץ גרינג, דורך קומען אין בית המדרש מיט געציילטע מינוט פריער, קענען מיר זוכה זיין צו א פילע האפן פון אמן'ס, וואס וועלן אונז באשיצן פון די וואס ווילן אונז שלעכט'ס טון, און משפיע זיין אויף אונז אלעס גוט'ס. אמן.

**מיט א רוף "כלביא יקום וכארי יתנשא"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# אדוואקאטן פון אמן

די וואונדערליכע ערציילונג איז דערציילט געווארן מיט בערך ניין יאר צוריק דורך הגאון רבי שמחה הכהן קוק זצ"ל דער רב פון רחובות וואס איז לעצטנ'ס נסתלק געווארן, אין א רעדע וואס ער האט געהאלטן ביי א 'בני אמונים' צוזאמקום. די חיזוק וואס וועט ארויסקומען פון דעם זאל זיין לזכרו הטהור.

די וואונדערליכע געשיכטע מיט דעם געוואלדיגן מוסר השכל האט הגר"ש זצ"ל געהערט פון פרופ' אברהם סופר אברהם, איינער פון די הויפט דאקטוירים אין די 'שערי צדק' שפיטאל, וועלכער האט עס אליין מיטגעלעבט, און אזוי האט ער דערציילט:

איין טאג איז אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל א עלטערער איד אין עלטער פון ארום פינף און זיבעציג יאר, נאכדעם וואס ער האט געליטן פון א שארפע לונגען-אנטצינדונג באגלייט מיט גאר הויכע היץ. אזא צושטאנד, אין אזא עלטער, האט לייכט און געשווינד געקענט פארערגערט ווערן און אנקומען ביז צו 'פיקוח נפש', דעריבער האבן מיר, דער שטאב דאקטוירים אונטער מיר, זיך געאיילט צו געבן שטארקע אנטיביאטיק'ס זאלן פארבעסערן זיין


הגר"ש הכהן קוק זצ"ל ביים אויפטרעטן ביי א 'בני אמונים' צוזאמקום

צושטאנד. בחסדי שמים, עטליכע טעג האט זיך זיין צושטאנד פארבעסערט און מיר האבן שוין אינפארמירט זיין משפחה אז מיטן אויבערשטנ'ס הילף אין בעפארברייטונג צו די קומענדיגע שבת וועט ער באפרייט ווערן צו זיין הויז.

אבער פון הימל האט מען אנדערש געוואלט; צוויי טעג שפעטער האט זיך ווידער אנגעהויבן פארערגערן זיין צושטאנד, די היץ פון זיין קערפער איז ארויף מער פון פריער, און דאס האט צוגעברענגט מיר זאלן פארגרעסערן די אנטיביאטיק אין זיין קערפער. אויף שבת האט זיך זיין מצב זיך ווידער סטאביליזירט, די היץ איז אראפ און עס האט אויסגעזען ווי דער פאציענט הייבט זיך אן צו ערהוילן. אבער באלד מוצאי שבת איז ווידער געווארן א פארערגערונג, און זיין צושטאנד איז געווארן נאך שווערער ווי פריער.

אין דעם מאמענט האבן מיר שוין אנגעהויבן צו זארגן. איך האב צוזאמגערופן די דאקטוירים פון דער אפטיילונג פאר אן וויכטיגע דיסקוסיע, וואס אין די ענדע האבן מיר באשלאסן אז וויבאלד די אנטיביאטישע באהאנדלונג האט נישט קיין ווירקונג אויף דעם פאציענט, איז נישטא קיין ברירה נאר צו געבן א געוויסע מעדיצין וואס איז נישט געאייגנט אויף א לונגען-אנצינדונג, אבער אין עטליכע פעלער האט זיך עס איבערגעצייגט אז עס העלפט.

טראץ איר גרויסע נוצן, האבן מיר געוואוסט אז די מעדיצין קען מיטברענגען פארשידענע נישט גוטע נאכווייען, און עס האט אויך אין זיך א געוויסע לעבנ'ס-געפאר, און באזונדער פאר א פאציענט אין זיין צושטאנד. געווענליך אין אזעלכע סיטואציעס, איידער מיר האבן אנגעהויבן געבן די רפואה, האבן מיר גערופן די קינדער פון דעם קראנקן, זיי מסביר געווען די הארבקייט פון זיין צושטאנד, און זיי געזאגט אז לויט אונזער מיינונג, דער איינציגער מיטל בדרך הטבע אים ראטעווען נאר דורך די מעדיצין. מיר האבן צוגעגעבן און באטאנט, אז כאטש דאס נעמען האט אויך א געוויסער סכנה פאר זיין לעבן, האפן מיר, אז מיט די כח פון אונזערע און זייערע תפילות וועלן מיר זוכה זיין, אז די רפואה וועט אויף אים ווירקן לטובה און נישט פארקערט חלילה.

נאכן פרעגן א עצה פון זייער רבי'ן, האבן די משפחה-מיטגלידער געגעבן זייער הסכמה, אבער דערווייל איז זיין צושטאנד שטארק פארערגערט געווארן, ער האט פארלוירן זיין באוואוסטזיין און עס האט אויסגעזען אז ער האט פארלוירן זיין האפענונג צום לעבן. פונדעסטוועגן האבן מיר גלייך אנגעהויבן געבן די רפואה, ווען זיינע קינדער קוקן אונז נאך פון דער זייט מיט שרעק און באגלייטן אונז מיט זייערע תפילות, ווען זייערע הערצער ציטערן פון וואס עס קען נאכקומען.

מיט סייעתא דשמיא און אפענע ניסים, אין א קורצע צייט האט די מעדיצין געווירקט. די אינפעקציע האט זיך אפגעשטעלט און דער צושטאנד פון פאציענט האט זיך צוביסלעכווייז אנגעהויבן סטאביליזירן. עטליכע טעג שפעטער האט ער געעפנט זיינע אויגן און זיך ארומגעקוקט מיט א צומישעניש. ערשט ווען ער האט גוט פארשטאנען וואס עס ליינט זיך פון די פנימ'ער פון זיין פאמיליע, האט ער פארשטאנען ווי שווער איז געווען זיין מצב, און ווען ער איז אביסל געקומען צו די כוחות און געקענט רעדן, האט ער געעפנט זיין מויל און דערציילט זיין וואונדערליכן ערציילונג:

"דערנאך וואס איך האב פארלוירן דעם באוואוסטזיין און אנגעקומען ביז צו שערי מוות, האב איך מיך געטראפן שטיין אין א גרויסן און הערליכן זאל, פאר מיר זענען געשטאנען די בית דין של מעלה, מלאכים, שרפים, אופנים וחיות קודש, און געשמועסט צווישן זיך צי עס איז שוין אנגעקומען דער צייט איך זאל בלייבן אין עולם העליון, אדער מיך צוריק שיקן צו דער וועלט, פון איין זייט זענען געשטאנען די מקטרגים און פארגעלייגט זייערע טענות, און פון דער צווייטער זייט האבן די סינגורים פרובירט מיך גערעכט געבן.

אין א געוויסע מינוט האט אויסגעזען אז די האנט פון די מקטרגים שטארקט זיך און די בית דין של מעלה וועלן באשליסן מיך איבערלאזן אין עולם העליון, אבער דאן האט זיך פלוצים געהערט א שטימע פון עק זאל וואס איז מיר געווען זייער באקאנט. דאס איז געווען דער קול פון דער רב פון די שול וואו איך דאוון אין די לעצטע דרייסיג יאר, וואס האט געזוכט אויף מיר מלמד זכות זיין, און אזוי געזאגט:

'שמעו נא רבותי, דיינים מומחים; די לעצטע דרייסיג יאר בין איך דער רב אין דער שול וואו דער גע'אורטייל'טער דאוונט, און איך זאג בנאמנות אז אין די אלע יארן האט ער אכטונג געגעבן אויפשטיין פרי און קומען אין בית המדרש, און זיך באטייליגן אין דעם קביעות'דיגן שיעור וואס קומט פאר יעדן טאג פאר תפילת שחרית'. און דורך דעם האט ער נישט געשפעטיגט אפילו איינמאל צום דאווענען. אויסער דעם היט ער זיין צונג פון דיבורים אסורים און איבערהויפט פון רעדן דברי חולין אין שול, און אויב דאס איז נישט גענוג, איז ער מקפיד יעדן אינדערפרי צו הערן ברכות השחר פון פיל מתפללים און ענטפערן נאך זיי אמן הויך און מיט כוונה.

מיט זיין ערליכע התנהגות האט ער נאכגעשלעפט נאך און נאך מתפללים, וועלכע האבן אים נאכגעטון, און אדאנק אים האט די בית המדרש באקומען דעם נאמען: "די שול פון די וואס ענטפערן אמן".

ווי עס זעט אויס האבן די ווערטער פון רב אראפגעוואויגן די וואגשאל, ווייל גלייך איז ארויסגעקומען דער קול וואס האט אויסגערופן אז איך קען זיך אומקערן צו דער וועלט, ממשיך זיין זיצן על התורה ועל העבודה. אין דעם מאמענט האב איך געעפנט מיינע אויגן. און אט דא שטיי איך פאר אייך מיטן אויבערשטנ'ס הילף, געזונט און שטארק".

ביי די ענדע פון זיין ערציילונג האט הגר"ש קוק אפגעווישט א טרער פון זיינע אויגן און געזאגט פאר די באטייליגטע:

"דער טייערער איד האט פאר אונז אלע געשילדערט ווי שטארק איז דער כח פון א מענטש וואס קומט פרי אין בית המדרש, און פירט זיך דארט בדרך כבוד, און ווידמעט זיין זיך אויפהאלטן דארטן, אויף לערנען, דאווענען און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין".

# ברכו אמוני
א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'שמע קולנו'

### די מקור פון די ברכה

נאך די ברכות וואס רעדן פון גאולה, האבן די חכמים מתקן געווען צו בעטן אויף 'קבלת התפילה', ווייל מיר טרעפן אז דער פסוק האט מסמיך געווען גאולה צו תפילה, ווי עס שטייט (ישעיה נו ז): 'והביאותים אל הר קדשי ושמחתים בבית תפלתי'" (מגילה יח א, ע"פ 'שפת אמת' שם).

לכאורה, אויך אין גלות דאווענען מיר דריי מאל יעדן טאג, וואס איז דער באזונדערער קשר צווישן גאולה און תפילה? מוז מען זאגן, אז נאר נאך די גאולה שלימה, ווען די שכינה וועט רוען אין בית המקדש, וועלן די תפילות אנגענומען ווערן בשלימות ('שפתי חיים' - 'רינת חיים' ביאורי תפילת י"ח עמ' רח).

נאך טייטש מען: די תפילה וואס איז באוויליגט פאר ה' איז אזאנס וואס ווערט געזאגט מתוך שמחה, אזוי ווי עס שטייט (תהילים ק ב): "עבדו את ה' בשמחה בואו לפניו ברננה". און צו א תפילה מיט א אינערליכע שלימות'דיגע שמחה וועלן מיר קענען צוקומען נאר נאך וואס משיח בן דוד וועט אונז קומען אויסלייזן, אזוי ווי מען זעט טאקע אין פסוק וואס די חכמים ברענגען אלס מקור אויפן אוועקשטעלן די ברכה נאך די ברכות פון גאולה - "**ושמחתים** בבית תפלתי" ('אור החמה' מגילה שם).

### די גרעבוי פון די ברכה

ביי די ברכה בעטן מיר אז אויך אויב אונזער תפילה איז נישט ראוי עס זאל אנגענומען ווערן, זאל הקב"ה אויף אונז רחמנות האבן און עס אננעמען ברחמים:

"שמע קולנו" - אפילו אויב אונזער תפילה איז נאר אין א בחי' פון סתם א 'קול', ווייל מיר האבן נישט אינזין וואו עס דארף צו זיין, דאך נעם עס אן ברחמים. די נקודה חזר'ט זיך איבער דורך אונז ביי די אויספיר פון די ברכה: "כי אתה שומע תפילת כל פה" - אויך א תפילה וואס ווערט געזאגט נאר מיט די 'פה' אן כוונה ('בית אלקים' [למבי"ט] שער התפילה פרק ג).

נאך טייטש מען: "שמע קולנו" - אן זיך רעכענען מיט אונזער רוחניות'דיגע צושטאנד. טראץ דער פסוק זאגט (שה"ש ב יד): "הראיני את מראיך השמיעני את קולך כי קולך ערב ומראיך נאוה", ד.מ.: פריער באוויז מיר אז די צלם אלקים איז אויסגעקריצט אויף דיין פנים און נאך דעמאלסט "השמיעיני את קולך", ווייל "קולך ערב" נאר ווען "מראיך נאוה", פון דעם וועגן בעטן מיר "שמע קולנו" - אויך אויב אונזער אויסזען איז פארשוואַרצט און מיר האבן פארלוירן דעם צלם אלוקים ('מגיד צדק' בסידור 'שער הרחמים').

ביי זאגן "ומלפניך מלכנו ריקם על תשיבנו", בעטן מיר אז כאטש מיר זענען נישט ראוי אז השי"ת זאל אננעמען אלע אונזערע תפילות, דאך שיקט אונז נישט אוועק אינגאנצן 'ריקם', נאר לכל הפחות נעם אן א חלק פון זיי ווייל חז"ל זאגן (ויק"ר י ה): "תפילה עושה מחצה" ('בית אלקים' שם; 'עץ יוסף').

### די באדייט פון די ברכה

די ברכה שליסט צו די סעריע 'ברכות אמצעיות' וואס דער מענטש בעט אין זיי אויף זיינע פריוואטע באדערפענישן, דעריבער דארף דער מענטש זייער אינזין האבן ביי די ברכה; ה' זאל צוהערן די תפילות און בקשות וואס ער האט געבעטן ביי די מיטל'סטע ברכות און זאל אנגענומען ווערן ('עמק ברכה' [פון פאטער פון של"ה] שמונה עשרה סוף אות לב).

די חכמים זאגן (ברכות לא ב) אז אין די ברכה קען דער מענטש צולייגן און בעטן זיינע פריוואטע געברויכן. דער 'יערות דבש' (ח"א דרוש א) שמועסט אויס אז דער מענטש דארף אין די ברכה בעטן אויף אלע זיינע באדערפענישן, קליין ווי גרויס, און בעטן אויף יעדע זאך וואס ער דארף טון אין דער טאג, אז השי"ת זאל אים פירן אויף דעם גלייכן וועג און זאל מצליח זיין.

דער 'יערות דבש' לייגט צו, דער וואס איז מוסיף א אייגענע בקשה אין די ברכה, איז יוצא מיט דעם דער חוב פון א ריכטיגע "תפילה", ווייל א אייגענע בקשה ווערט זיכער געזאגט מיט כוונה און נישט ווי 'מלומדה'. עס איז דא וואס ערקלערט אז דער 'יערות דבש' קומט אונז זאגן, אז דער וואס דאוונט דעם נוסח התפילה וואס די אנשי כנסת הגדולה האבן מתקן געווען אן אינזין האבן, איז נישט יוצא די חוב פון תפילה מן התורה. כאטש די תורה האט נישט קובע געווען א באשטימטע נוסח און צייט אויף תפילה, און מן התורה איז דער מענטש יוצא די חוב פון תפילה דורך א בקשה וואס ווערט געזאגט אויף יעדן נוסח, לכל הפחות איינמאל א טאג (רמב"ם תפילה א א-ב), פון דעסוועגן נישט אומזינסט רופט אן די תורה דאס ענין פון תפילה מיטן טיטול: 'עבודת הלב' (דברים יא יג, ע"פ תענית ב א) נאר ווייל עס דארף געזאגט ווערן מיט כוונה. קומט אויס אז אמאל קען זיין אז נאר ווען דער מענטש האט אויך געבעטן א אייגענע בקשה, וואס דאס זאגט מען מיט כוונה האט ער מיט דעם זכות יוצא געווען די חוב פון תפילה מן התורה ('קונטרס הצוואה' [לר"ש תפילנסקי] פרק י אות ג).

### אונזער שטימע זאל זיין באליבט

אין גמרא (תענית כה ב) ווערט געברענגט אז איינמאל האט שמואל הקטן גוזר תענית געווען ווייל עס איז געווען א טרוקעניש, און נאך בעפאר מען האט געפאסט און געדאוונט איז שוין געקומען רעגן. די מענטשן האבן געמיינט אז צוליב די חשיבות פון ציבור האט הקב"ה צוגעשטעלט זייערע געברויכן נאך בעפאר זיי האבן געבעטן, אבער שמואל האט זיי געזאגט אז דאס איז נישט קיין שבח, נאר זיי זענען צוגעגליכטע צו א קנעכט וואס וויל בעטן א מתנה פון קעניג, און דער קעניג וואס וויל אים נישט זען זאגט פאר זיינע שרים: "געבט אים איך זאל נישט הערן זיין שטימע".

מיט דעם טייטש דער מגיד ר' פנחס מפלאצק אז דאס בעט מען ביים אנהויב פון די ברכה: "שמע קולנו" און נאר נאכדעם "חוס ורחם עלינו", ווייל דורך דעם וואס דו ווילסט צוהערן צו אונזער שטימע וועלן מיר וויסן אז אונזערע תפילות זענען באליבט פאר הקב"ה ('מגיד צדק' בסידור 'שער הרחמים').

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דו הערסט צו די תפילות און הלוואי דו זאלסט צוהערן אונזערע תפילות

# אוצר הברכות
מאה ברכות אין די פרשה

## אק"ב אקעגן 'אקב'

"מָה אֶקֹּב לֹא קַבֹּה אֵ-ל וּמָה אֶזְעֹם לֹא זָעַם ה'" (כג ח)

אין ספר 'מנורת המאור' (פרק התפילה) פון רבי ישראל אלנקווה הי"ד תלמיד פון רא"ש ווערט געברענגט א מדרש וואס דרש'נט אזוי דעם פסוק: "בלעם הרשע האט געזאגט: וויאזוי וועל איך זיי קענען שעלטן, זיי זאגן דאך יעדן טאג פאר הקב"ה אק"ב - [די ר"ת פון] 'אמן', 'קדיש', 'ברכו'".

'עונג שבת' עמ' שעז

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

## לעצט געלט פון רבי שמעון פון יערוסלב

האדמו"ר רבי שמואל אבא פון זיכלין איז אמאל אנגעקומען קיין לאדזש צו דינען אלס סנדק ביי איינעם פון זיינע חסידים. די חסידים וואס האבן געוואלט אז דער רבי זאל איבערבלייבן ביי זיי אין שטאט אויף שבת, האט געטראקט די זייגערס וואס זיי האבן פארמאגט, און ווייל זיי האבן געוואוסט אז דער רבי האט נישט קיין זייגער זענען זיי געווען פארזיכערט אז ווען ער וועט זען די שפעטע שעה וועט ער דארט בלייבן און נישט צוריק פארן קיין זיכלין. ווי גרויס איז געווען זייער איבערראשונג ווען דער רבי האט געזען די זייגער'ס וואס ווייזן אז ס'איז שוין שפעט, האט ער געשמייכלט און געזאגט: 'מיר וועלן ענק נישט קענען פאפן', ווען ער נעמט צוזאם זיינע ציצית אין זיינע הענט און זאגט די פונקטליכע צייט.

"די חכמה האט מיך אויסגעלערנט דער צדיק רבי שמעון פון יערוסלב אין מיינע קינדערישע יארן", האט דער רבי דערציילט פאר די פארוואונדערטע חסידים, "אלס הכרת הטוב אויף דעם וואס ווען ער איז געקומען אין אונזער שטאט 'לוביטש', האב איך מקפיד געווען צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר וואס ער האט געזאגט. דער סדר פון רבי שמעון יערוסלבער איז געווען, אז יעדן אינדערפרי' ווען ער האט געזאגט די ברכות השחר פלעגן די קינדער פון שטאט זיך צוזאמנעמען ארום אים און ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות. איך בין אלט געווען זעקס יאר ווען דער צדיק איז אנגעקומען צו אונז אין שטאט 'לוביטש'. פארן דאווענען האט זיך געשטעלט נעבן אים, איך האב צוגעהערט זיינע ברכות און געענטפערט אמן. נאכן ענדיגן די ברכות האט דער רבי מיך געבעטן אז ווען ער קומט אין שטאט, זאל איך קומען ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, און אזוי האב איך געטון.

ביי זיין לעצטן באזוך אין 'לוביטש' האט דער רבי מיך גערופן נאכן דאווענען, און ארויסגעברענגט זיין צופרידנהייט פון דעם וואס איך בין שטענדיג געקומען הערן זיינע ברכות און ענטפערן נאך זיי אמן, און האט מיר אויך געזאגט אז דאס האט אים צוגעהאלפן ביים דאווענען, און אלס הכרת הטוב האט ער מיר אויסגעלערנט וויאזוי מען קען וויסן די פונקטליכע שעה דורך קוקן אויף די ציצית" ('אהל שמעון' [מהדורת ירושלים תש"ע] עמ' יט).

## די צוואה פונעם פארציוווער רבי

אין די צוואה פון אדמו"ר רבי נתן דוד פון פארציווא באציט ער זיך צו די חשיבות פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, און אזוי האט ער באפוילן פאר זיינע חסידים: "וכל אחד יאמר ברכות השחר והחברים יענו אמן" ('ואלו הדברים שנאמרו לדוד', הצוואה אות כח).

## דער מנהג פון רמ"א פריינד

יעדן טאג פלעגט דער גאב"ד רבי משה אריה פריינד אריינקומען אין בית המדרש אנגעטון מיט טלית און תפילין, צוגיין צו זיין פלאץ און אנגעהויבן זאגן אויפן קול ברכות השחר כדי דער ציבור זאל ענטפערן אמן. ווען ער האט געענדיגט האט ער געווארט אויפן שליח ציבור זאל צוגיין זאגן די ברכות בקול רם כדי ער זאל ענטפערן נאך זיי אמן ('משה רעיא מהימנא' ח"א עמ' נח).

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

**צו די שטאב פון בני אמונים און פארן גרינדער וואס שטייט אין שפיץ פון אלע געוואלדיגע אקטיוויטעטן הרב מרארשטיין שליט"א**

שלום רב לאוהבי אמונתך

אין דעם גליון פון פרשת בהעלותך האבן ענק מעורר געווען אז ענטפערן אמן באשיצט אונז פון די פיינט וואס ווילן אונז שלעכטס טון, אזוי ווי עס שטייט אין תנא דבי אליהו (רבה יא): בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע להן לישראל מאומות העולם? בבני אדם שהן משכימין ומעריבין לבית הכנסת ולבית המדרש, ועונין אמן, ומברכין את הקדוש ברוך הוא באמן".

עס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק אויף א דאפלטען רמז אין דער ענין: ביי די ברכות קרי"ש פון מעריב וואו מיר לויבן הקבה"ה אויף אונזער רעטעוננג פון אונזערע פיינט זאגן מיר: "העושה גדולות עד אין חקר ניסים ונפלאות עד אין מספר... העושה לנו ניסים ונקמה בפרעה אותות ומופתים באדמת בני חם". 'ניסים אין מספר' - איז ראשי תיבות 'אמן'. אזוי אויך: "העושה לנו ניסים ונקמה" - די ראשי תיבות זענען גימטריה אמן.

די זכות פון ענטפערן אמן וועט פאר אונז אלע ביישטיין מיר זאלן זוכה זיין צו זען די נקמה פון ה' אין די שונאי ישראל מיטן אנקום פונעם גואל צדק וואס וועט אונז אויסלייזן במהרה בימינו אמן ואמן.

מיט די ברכה פון אמונה
**אפרים ווייס**
**קרית גת**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימייל אדרעס
9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

אמן און ברכות אין די ווערק פונעם בעל הילולא

## 'עטרת צבי'
### י"א תמוז תקצ"א



דער אוהל אויפן ציון פון 'עטרת צבי' זי"ע אין זידיטשוב, אוקריינא.

הרה"ק רבי צבי הירש אייכנשטיין פון זידיטשוב איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער הרה"ק רבי יצחק אייזיק פון דארף סאפרין, אונגארן. ער איז גרויס געווען אין תורת הנגלה און פון די ריזן אין תורת הסוד. ער וועט אנגערופן צווישן די גדולי הדור מיטן טיטול 'שר בית הזוהר'. ער האט אסאך עוסק געווען אין צדקה און גמילות חסדים, און זוכה געווען חתונה מאכן פערציג חתנים און כלות יתומים. ער איז געווען א תלמיד מובהק פון 'חוזה מלובלין', און איז אויך געווען ביים רבי ר' ברוך'ל פון מעזיבוזש.

ער האט אנגעהויבן צו פראוואן נאך אין די יארן פון זיין רבי דער 'חוזה מלובלין', און נאך די פטירה פון הרה"ק רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ איז ער געווען פארערכנט פאר דער גרעסטער פון די גאליציאנער רבי'ס. דער 'דברי חיים' פון צאנז פלעגט זאגן אז אין גאליציע ווען מען זאגט סתם 'רבי', מיינט מען דעם 'עטרת צבי'. דער 'דברי יחזקאל' האט צוגעגלעכנט דאס פארן צו זיין ציון אין טאג פון זיין יארצייט, אזוי ווי צו פארן צו קבר רשב"י אין ל"ג בעומר.

ער האט מחבר געווען זיין ספר 'עטרת צבי' אויפן זוהר הקדוש, 'פרי קודש הילולים' אויפן ספר 'פרי עץ חיים' און נאך ספרים. ער איז נפטר געווארן י"א תמוז תקצ"א און איז באערדיגט געווארן אין בית החיים אין זידיטשוב.

## ברכות השחר מיט חברותא

דער עטרת צבי שרייבט אז ער האט געהערט פון זיין רבי דער 'חוזה פון לובלין' אז מען דארף זאגן די ברכות השחר אין שול בציבור, כדי די מתפללים זאלן ענטפערן נאך זיי אמן. זיינע ווערטער ענדיגט ער מיט די לשון: "און א ברכה אן א אמן איז ממש א פלג גופא ווי עס איז באוואוסט און באקאנט" ('פרי קודש הילולים' שער הברכה פ"ד).

## ניינציג אמנים פארן דאווענען

די קדמונים שרייבן אז יעדן טאג דארף מען ענטפערן ניינציג אמן'ס אויף ברכות. שרייבט דער עטרת צבי אויף דעם, אז מען דארף ענטפערן די ניינציג אמנים בעפאר מען דאווענט שמונה עשרה פון שחרית. די אייציגסטע מעגליכקייט דערגרייכן די ציפער נאך פאר תפילת שחרית איז דורך הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן פארן דאווענען (הגהות 'בני אבא' על ספר 'פתורה דאבא' עניין ברכות השחר אות ו).